בס"ד

# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת תשא




## שבת א טאג פאר מחשבה

**דער** אויבערשטער האט געזאגט צום עם ישראל: "בוי א הויז פאר מיר אז איך זאל רוען צווישן ענק." הערנדיג די רייד זענען די אידישע קינדער געווארן איבערראשט, "השי"ת וויל וואוינען אויף אונזער גאס?!" ס'איז געווען א גרויסע דערגרייכונג פאר כלל ישראל צו הערן אז השי"ת וויל אז זיי זאלן אים בויען א הויז וואו ער וועט וואוינען צווישן דאס פאלק וואס ער האט אזוי ליב!

אין פרשת כי תשא האט דער אויבערשטער איבערגעגעבן די פולע פרטים פונעם בנין המשכן; ווי אזוי דאס פאלק זאל אנטיילנעמען אינעם געבוי; ווי אזוי צו צוזאמשטעלן די כלים; דאס צוגרייטן די קטורת, שמן המשחה, ווי אויך דאס אויפנעמען בצלאל און אליאב אנצופירן מיטן קאמפליצירטן פראיעקט. דאס פאלק האט געקאכט פון התרגשות און התלהבות גרייט צו מאכן דאס פלאץ פאר די שכינה צו רוען אין זייער מחנה.

עס איז נישט קיין ספק אז די אידישע קינדער האבן זיך אונטערגעגארטלט צום פראיעקט וואס איז געווען א געלעגנהייט פאר גאנץ כלל ישראל צו נעמען א טייל דערין. מען קען זיך נאר פאָרשטעלן אז יעדער איז אהיימגעגאנגען בייז זיך צו מאכן א חשבון פון זיינע מאטריאלן אדער כשרונות, וואס ער קען מנדב זיין פארן משכון. ס'קוקט אויס אז מען האט אלעס געלייגט אין דער זייט פאר דעם גרויסן מעמד. ווייל וואס קען דען זיין וויכטיגער ווי בויען א הויז פאר השי"ת?

דא איז פלוצלינג געשען א טויש, השי"ת האט געזאגט: "האלט!" דער אויבערשטער האט געברענגט דעם גאנצן פראיעקט צו אן אפשטעל. **אך את שבתותי תשמורו** "מאך זיכער צו היטן שבת!" דאס באדייט פון דאס ווארט "**אך**" איז - "אבער" אדער "נָאר". מיט דאס ווארט "אך" האט דער אויבערשטער געוואלט לערנען פאר כלל ישראל א לעקציע, אז אפגעזען פון די אנווייזונגען פון דעם וויכטיגן אויפגאבע וואס איך האב ענק געגעבן, דארפט איר אלעס לייגן אין זייט פארן שבת. עס איז טאקע זייער וויכטיג צו בויען פאר מיר א משכן וואו איך זאל קענען רוען צווישן מיין געליבטע פאלק, אבער זיך אפצוהיטן פון א מלאכה אום שבת און עסן טשאלענט איז וויכטיגער פון דעם!

עס איז באוואוסט אז די ל"ט מלאכות וואס מען טאר נישט טון שבת, לערנען מיר ארויס פון בנין המשכן וואס איז געבויט געווארן אין מדבר מיט די ל"ט מלאכות. טאג און נאכט זענען אידישע קינדער געווען פארנומען מיט די פולע ארבעט צו בויען דעם משכן, און פלוצלינג זענען אלע הכנות געקומען צו א האסטיגן אפשטעל פאר א וויכטיגער ענין וואס איז נארוואס אנגעקומען. דאס איז געווען שבת!

## צוויי משכנות

**פאר** עם ישראל איז געגעבן געווארן צוויי משכנות; די ערשטע משכן ווען זיי זענען ארויס פון מצרים איז געווען געבויט פון האלץ און סחורה, און דאס איז געשטאנען אין מדבר פאר פערציג יאר. און דאס צווייטע איז געווען, די משכן פון שבת וואס מיר בויען אין אונזער הויז יעדן זיבעטן טאג. און ביידע משכנות זענען א סימבאל פון כבוד און עהרע, וואס השי"ת דער קעניג פון אלע קעניגן האט באקרוינט זיין אויסדערוועלטן פאלק, און פאר אלע אנדערע פעלקער האט ער פארבאטן זיך צו ניצן מיט דעם סימבאל פון כבוד.

דער משכן איז נישט פריי פארן ברייטן פאבליקום, **אתם כהני השם תקראו** "איר מיין פאלק ווערן אנגערופן קנעכט פון השי"ת" (ישעי' ס"א ו'). איר זענט א **ממלכת כהנים**; איר זענט דאס פאלק פון כהנים, דערפאר האט איר דאס רעכט אריינצוקומען אין דאס הייליג פלאץ. **הזר הקרב יומת**, אבער א גוי וואס דערוואגט זיך אריינצוקומען אין דאס הייליגע פלאץ איז ער חייב מיתה. דערפאר איז אין בית המקדש געשטאנען א טאוול ביים טויער, מיט א רוימישן אויפשריפט וואס האט זיך געליינט ווי פאלגענד: "א גוי וואס וועט אריינקומען אינעווייניג וועט מען ברענגען צו מיתה." און דאס איז געווען מיטן רשות פונעם רוימישן הערשאפט. יעדער האט פארשטאנען אז מען האט דא צו טון מיט א פאלק וואס דארף זיין אפגעטיילט פונעם אלגעמיינעם באפעלקערונג. אויב א גוי האט איבערגעטראטן דעם שוועל פונעם בית המקדש, פלעגט דער כהן אים ארויסטראגן פון די עזרה און צושפאלטן זיין קאפ מיט אן האלצערנעם האק. און דער רוימישער קעניג האט גארנישט געזאגט דערקעגן. דער גוי איז זיך אליינס שולדיג, ער האט נישט געהאט א רעכט אריינצוטרעטן אינעם הייליגן ארט.

## א שפיל מיט פייער

**דאס** זעלבע הלכה איז שייך ווען ס'קומט צו שבת. אויב א גוי היט שבת איז ער חייב מיתה. הייגטיגע צייטן פירן מיר נישט אויס דעם שטראף, אבער דער אויבערשטער וועט זיך שוין אפרעכענען מיט אים. א גוי איז אמאל געקומען צו מיר מיט שאלות וואס ער האט געהאט איבער דעם אויבערשטן. אזוי שמועסנדיג האט ער זיך ארויסגעכאפט אז ער פרובירט צו היטן שבת. "ניין ניין," האב איך אים געווארענט, "דו שפילסט זיך מיט פייער, ווער האט דיר געגעבן רשות צו היטן שבת? "**גוי ששבת חייב מיתה**," האב איך אים מסביר געווען, "שבת איז א מתנה וואס איז געגעבן געווארן אויסדרוקליך נאר פאר אידישע קינדער. דאס וואס דו טוסט איז א גרויסע סכנה."

"וואס זאל איך טון?" האט ער געפרעגט. איך האב אים געזאגט אז ער דארף יעדן שבת טון איין מלאכה און אזוי וועט נישט הייסן אז ער איז א שומר שבת. "איר דארפט אכטונג געבן נישט צו טרעטן אויף א פלאץ וואו איר באלאנגט נישט. שבת איז **ביני ובין בני ישראל**."

## א טאג נאך פורים ביי א איד

**פאר** די גוים זאגט מען: "ארבעט פלייסיג!" **יום ולילה לא ישבותו**, זיי זאלן קיינמאל נישט ענדיגן צו ארבעטן (בראשית ח. כ"ב). ס'איז גוט פאר זייער געזונט אז זיי זאלן אייביג זיין "ביזי" וויל ליידיגע צייט ברענגט זיי צו זינד. רוב פארברעכענס קומען פאר זונטאג ווען די גוים האבן זייער אפרו טאג. זיי קומען זיך צוזאמען אין רעסטוראנטן און שיסן זיך איינער דעם צווייטן. זיי טרינקען איבער די מאס און דערנאך שטעכן זיי זיך מיט מעסערס. ווער ווייסט וויפיל גוים וועלן שטארבן דעם סוף וואך אויף די הייוועיס פון ווילדע דרייווערס? א רו טאג פאר גוים איז א געפערליכע סכנה.

ווען איך בין אמאל געווען אין ליטע, האט מיר איינער געוויזן אין די גוי'אישע צייטונג א גאנצע רשימה פון גוים וואס זענען גע'הרג'עט און געשטאכן געווארן יענעם איינעם זונטאג. אפילו דינסטאג טאר דער גוי נישט האבן קיין וואקאציע. און אויב ער היט שבת אן אנדערן טאג אין דער וואך איז ער נאך אלץ חייב מיתה (סנהדרין נ"ח ב.). דער אויבערשטער וויל אז גוים זאלן זיין איבערגעארבעט ווייל אויב נישט וועלן זיי אנטון צרות איינער פארן אנדערן.

זענט איר שוין אמאל אריבער געגאנגען די קאר מעקעניק בשעת די גוים האבן געארבעט? נישט קיין חילוק צו די שווארצע, ברוינע, ווייסע אדער רוסישע, אלע זענען פארנומען צו ארבעטן און קיינער וועט אייך נישט זאגן קיין ווארט, אבער ווען איר גייט אריבער נאכמיטאג זייער געגענט ווען זיי זיצן אינדרויסן אויף די טרעפ, וועלן זיי פלוצלינג טרעפן די צייט צו לאזן פאלן אומווערדיגע ווערטער צו אייער ריכטונג!

דער אויבערשטער האט זיי געבענטשט מיט א ברכה וואס הייסט ארבעטן, **גדולה מלאכה**, ס'איז געוואלדיג צו ארבעטן! אויב זיי וואלטן נאר געדארפט ארבעטן זיבן טעג א וואך וואלט דאס געווען א ישועה פאר זיי. אסאך פראבלעמען מיט וואס די וועלט מוטשעט זיך וואלט פארשוואונדן געווארן. א באוואוסטער גלח האט זיך אויסגעדרוקט: "קראצמער איז די סיבה פאר שכרות, זינד און טראגעדיעס!" **הודאת בעל דין כמאה עדים דמי**, א גלח פארשטייט אויך אז ס'איז נישט געזונט ווען די גוים האבן ליידיגע צייט.

להבדיל, ווי אזוי זעט אויס א פורים ביי די אידן? א טאג דערנאך שטייט מען אויף צו א פרישע טאג. מען רוימט אויף די הויז און יעדער איז נאר געשטיגן פון דעם נעכטיגן געהויבענעם טאג. דאס זעלבע איז מיט פסח. קיינער שטעכט זיך נישט נאך די ארבע כוסות...

דאס מיינט אז נאר די מענטשן וואס ווייסן וואס צו טון מיט זייער פרייע צייט, זיי זענען די מענטשן וואס קענען באקומען דעם שבת. דערפאר איז שבת א ברכה פאר כלל ישראל, ווייל מיר ווייסן ווי אזוי ארויסצונעמען דאס מערסטע פון יעדע מינוט שבת.

## א טיפערן דערהער

**אבער** ס'איז נישט נאר דאס אז אויב מען האלט זיך צוריק פון טון א מלאכה, וועט נישט זיין קיין סכנה פאר די וועלט ווייל מיר ווייסן ווי אזוי אויסצוניצן די צייט, נאר ס'איז אויך דא א טיפערע סיבה פארוואס דער גוי ווערט נישט איינגעלאדנט צום משכן. דעם דערהער קען מען טרעפן אין די וואכעדיגע סדרה: "**אך את שבתותי תשמרו כי אות היא ביני וביניכם לדורותיכם לדעת כי אני השם מקדישכם**," איר זאלט היטן דעם שבת ווייל דאס איז א צייכן צווישן מיר און אייך פאר אייערע דורות, אז איר זאלט וויסן אז איך השי"ת האט אייך געהייליגט" (שם י"ג ל"א).

ווען מען קוקט אריין אין די ווערטער פון דעם פסוק קען מען פארשטיין דעם באדייט פון שבת, וואס איז נישט געגעבן געווארן צו זיצן אנגעלאנט און גארנישט טון, וואס דאס מיינט איז, אז שבת טוט מען גארנישט נאר איין זאך, מען פארברענגט די צייט מיט דער וואס האט אונז אויסדערוועלט פאר א באליבט פאלק!

## דאס פאלק פון אריסטאקראטן

**די** גאנצע וועלט גייט ווייטער אן, יעדער ארבעט, די שווארצע, ברוינע און ווייסע, און נאר מיר זיצן און טוען גארנישט. די גאנצע וועלט דארף פארזעצן

מיט איר פולן טעמפא ווי געווענליך, נאר אידן שטעלן אפ זייער טאג טעגליכן געלויף? פארוואס דארפן מיר זיך צוריקהאלטן פון ארבעט, און זיצן אין שטוב ווי קעניגליכע פרינצן וואס האבן נישט וואס צו טון? דער ענטפער איז טאקע דאס, אז מיר זענען די פרינצן פון דער וועלט. אונזער תפקיד פון דער וועלט איז נישט צו ארבעטן, אוודאי דארף מען טון פאר פרנסה זעקס טעג א וואך, אבער אונזער תכלית אין לעבן איז שבת! און מיר טוען גארנישט אין דעם טאג, ווייל דער עיקר פון דעם טאג איז צו נוצן דעם מח. דערפאר טוען מיר גארנישט, צו מאכן פריי דעם מח צו קענען טראכטן וואס דער אויבערשטער וויל אז מיר זאלן אינזין האבן אין דעם טאג. און אויב מען וועט זיין צו פארנומען מיט טירדות, וועט מען פארגעסן דער תכלית פון שבת וואס דער אויבערשטער האט געזאגט: "**לדעת כי אני השם מקדשכם**", 'לדעת', שבת איז א טאג פון וויסן! די ערשטע זאכן דארף מען וויסן אז **כי אני השם מקדשכם**, איך האב ענק אויסדערוועלט צו זיין מיינע הייליגע. מיר זענען די וויכטיגסטע זאך אין די גאנצע וועלט.

ביי שבת שטייט: "**מראש מקדם נסוכה**", דער שבת איז געווען אויסגעפלאנט פון פאראויס, "**סוף מעשה במחשבה תחילה**, דאס וואס איז געשען ביים סוף איז געווען אויסגעפלאנט פון פאראויס. וואס מיינט דאס? השי"ת האט געווארט אויף דעם פאלק וואס וועט ארויסקומען און זיך אנטראגן אים צו דינען. ער האט געווארט, עשרה דורות מאדם ועד נח, און ער איז געווען אנטוישט. דערנאך איז געקומען עשרה דורות פון נח ביז אברהם אבינו, און ער האט נאך אלץ געווארט, ביז אברהם אבינו איז ארויסגעטרעטן צו פארשטיין אז ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט. אויף דעם האט הקדוש ברוך הוא געווארט.

## דער אויבערשטער זוכט א שידוך

**ווען** דער אויבערשטער האט באשאפן די וועלט איז ער געווען ווי א חתן אן א כלה. ער האט געקויפט א טייערן דימאנט רינגל וואס ער האט אוועקגעלייגט אויף די גליקליכע מינוט, וואס ער וועט עס געבן פאר די אויסדערוועלטע כלה וואס וועט זוכה זיין. **בסוף מעשה במחשבה תחילה**, דער אויבערשטער האט באשאפן דעם שבת אין דער אנפאנג פון וועלט באשאף און ער האט דאס צוגעהאלטן אויף ווען דער צייט וועט קומען.

כלל ישראל האבן געזאגט **נעשה ונשמע**, מיר וועלן טון אלעס וואס דו פארלאנגסט פון אונז, מיר אפפערן אפילו אונזער לעבן. "אויב אזוי," זאגט דער אויבערשטער, "געב איך ענק דעם רינגל אלס מתנה. הרי את מקודשת לי בשבת זו, איר זענט מיין הייליג פאלק לעולם ועד. ס'איז נאר מיר און דיר.

## דער גנב פונעם קעניג'ס קרוין

**ווען** א גוי היט שבת איז ווי גלייך ער האט גע'גנב'עט דעם דימאנט פונעם עם ישראל, וואס השי"ת האט עקסטער דאס געגעבן א מתנה צו זיי. ער באקרוינט זיך מיט די דימאנט פונעם קעניג אליין. ער איז א מורד במלכות און איז חייב מיתה.

שבת איז "**אות היא ביני וביניכם**", ס'איז א סימן פון אייגנארטיגקייט צווישן הקדוש ברוך הוא און עם ישראל און קיינער מער נישט. דעם געדאנק דארף מען איינקריצן אין מח אז עם ישראל איז אויסדערוועלט געווארן פון די גאנצע וועלט אלס די אריסטיקראטישע פאלק. "**ולא נתתו השם אלוקינו לגויי הארצות**", דער אויבערשטער האט דאס נישט געגעבן צו די אומות העולם. א גאנצן שבת זאלט איר טראכטן און וויסן אז דער אויבערשטער האט אונז ליב מער פון אלע פעלקער

וואס ער האט זיי נישט ערלויבט אריינצוקומען אין זיין משכן וואס איז מקודש נאר פאר אים און עם ישראל.

## די כלה שפיגלט זיך מיט איר רינגל

**ווען** א כלה טראגט איר רינגל אויפן פינגער וועט זי כאפן א בליק אויף דעם פון צייט צו צייט. זי וועט זיך דערמאנען פון די גליקליכע מינוט ווען זי איז אויסדערוועלט געווארן צו זיין די כלה פון איר חתן. פונקט דאס איז שבת פאר אונז, א פולע טאג צו באטראכטן דעם רינגל. זיך דערמאנען אז הקדוש ברוך הוא האט אויסדערוועלט עם ישראל פאר זיין כלה.

אויב מען איז נאר פארנומען צו עסן, דאווענען, און שלאפן האט מען פארלוירן דעם געלעגענהייט פאר דעת, מען האט נישט אריינגעטראכט. ווי מער מען טראכט פון די הערליכע מתנה וואס מיר האבן באקומען אלץ מער דעת קען מען קונה זיין. לדעת כי אני השם מקדישכם, דאס מיינט שבת.

## יציאת מצרים יעדן שבת

**קידוש** פרייטאג צונאכטס איז מדאורייתא. "**זכור את יום השבת לקדשו**", מען דארף פראקלאמירן דעם שבת. די גמרא זאגט אז בשעת מעשה דארף מען דערמאנען יציאת מצרים. און אויב נישט האט מען נישט יוצא געווען קידוש, ווייל שבת איז אויך א זכר צו יציאת מצרים.

פארוואס דארפן מיט טאקע דערמאנען יציאת מצרים? שבת ווייזט אז השי"ת האט אויסדערוועלט זיינע מענטשן, און ווען האט ער עס געטון? ווען ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים. דעמאלטס ווען דער אויבערשטער האט איבערגעדרייט די וועלט מיט די ניסים. און פאר וועמען האט ער דאס אלעס געטון? פאר עם ישראל.

"**שלח את בני**", דער אויבערשטער האט געזאגט צו פרעה, לאז ארויס מיינע קינדער. דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס דער אויבערשטער האט אנגערופן כלל ישראל: "מיינע קינדער!" ביי יציאת מצרים האט ער אויסגעוועלט עם ישראל אלץ זיין פאלק. דעמאלטס האבן מיר באקומען די אויפגאבע צו טראכטן, וויסן, פארשטיין יעדע זיבעטע טאג אז מיר זענען די אויסדערוועלטע. ער האט אונז ארויסגענומען פון מצרים אים צו דינען לעולם ועד. דאס מיינט זכר ליציאת מצרים וואס מיר טראכטן אום שבת.

## א משכן אין מח

**לאמיר** זיך צוריקקערן צום פסוק פון "אך את שבתותי תשמורו", אפילו איר זענט פול מיט התלהבות צו בויען מיין הויז אז איך זאל קענען רוען צווישן ענק, מוזט איר נאך אלץ היטן שבת. פארוואס קומט שבת פארן משכן וואס איז געווען איינע פון די מערסט דראמאטישע פאסירונגען פון אונזער היסטאריע? דער ענטפער איז אז שבת איז א וויכטיגערע משכן ווי די משכן וואס מען האט געבויט אין מדבר אדער דאס בית המקדש וואס איז געשטאנען אין ירושלים. די סיבה דערפון איז, ווייל דעמאלטס איז עס געווען געבויט פון האלץ און שטיין און שבת איז א משכן אין מח!

א מקדש מעט אין מח איז מער וויכטיג, ווייל ס'איז א משכן אין אייער אייגענע שטוב. ס'איז דער טאג וואס איר פארברענגט מיט אייער משפחה ווען איר זענט קונה דעת. איר דארפט נישט גיין עולה רגל זיין צו באקומען דעת, ס'איז א שפאן אוועק פון אייך. ס'איז מיט אייך א זיבעטל פון אייער לעבן.

אזוי ווי די משכן אין מדבר איז געבויט געווארן מיט ל"ט מלאכות, ווען שבת קומט בויען מיר זיך זעלבסט דורכ'ן זיך אפהאלטן פון טון די ל"ט מלאכות. מיט די פרייע צייט קענען מיר בויען אונזער מח מיט שאיפות פון שבת. אזוי קענען מיר בויען אין אונזער מח א וויכטיגערע משכון ווי אין מדבר.

## וואס איז וויכטיגער ווי משיח?

**נישט** נאר דער משכן ווערט אוועקגעריקט פאר שבת, נאר אפילו ערב שבת קומט פאַר אלעס. אזוי ווי חז"ל זאגן אז משיח וועט נישט קומען ערב שבת, "**כבר מובטח להם לישראל שאין אליהו בא בערב שבת**", אליהו הנביא וועט נישט קומען מבשר זיין די גוטע בשורה ערב שבת (עירובין מג, עמוד ב).

וואס איז פשט? איז צוגרייטן א טשאלענט מער וויכטיג ווי משיח?!

די סיבה איז, אז שבת איז אזוי וויכטיג אז מיר דארפן זיך צוגרייטן מיט די ריכטיגע הכנות אז דער שבת זאל אריינגיין אין די ביינער. דערפאר גרייטן מיר אן פון ערב שבת מטעמים און תענוגים פאר דעם ספעציעלן טאג, עס קען נישט זיין קיין ריכטיגע שבת אן די אלע צוגרייטונגען. שטעלט זיך פאר אז אייער בני בית וואלט געברענגט צום טיש א טאָץ מיט חומשים פאר די סעודה... נישט דאס איז וואס דער אויבערשטער וויל. ער האט הנאה ווען מען פראוועט שבת מיט אן איבערפלוס פון פרייליכקייט, און צו דעם דארף מען צוגרייטן אלע געשמאקע מאכלים פון ערב שבת.

ווען מען זעצט זיך צום טיש צו עסן די געשמאקע מאכלים וואס מען האט צוגעגרייט, זאל מען טראכטן אז מיר זענען די אויסדערוועלטע פאלק. און בשעת מען עסט די טשאלענט זאל מען נישט אויפהערן צו טראכטן דערפון. דערפאר וועט אליהו הנביא מוזןווארטן ביז נאך שבת צו מבשר זיין בשורת הגאולה, כדי אז מען זאל נישט ווערן געשטערט פון די וויכטיגע הכנות צום געשמאקייט פון שבת.

**ווען** איר זעצט זיך צו די שבת סעודה און איר האט הנאה פון די געשמאקע עסן זאלט איר נשט אויפהערן צו טראכטן: "ב"ה אז השי"ת האט אונז געגעבן דעם שבת". דאס איז איינע פון די גרעסטע ברכות וואס צייגט די קשר צווישן הקדוש ברוך הוא און עם ישראל. דער שבת איז א סימן פון כבוד מיט וואס דער אויבערשטער האט אונז באקרוינט."

שטעלט אייך פאר אז א מענטש קומט צו אייך און הענגט אויף א גאלדענע מעדאל אויך אייער הארץ, ווי גליקליך וואלט איר דאן געווען. דער אויבערשטער זאגט "כי אות היא ביני ובניכם" שבת איז א ספעציעלע מעדאל וואס דער אויבערשטער האט אונז אנגעטון, מיר עסן א ספעציעלן סעודה צו פראווען די אויסטערלישע געשעעניש.

## איר קענט געווינען גאלד

**אידישע** קינדער דארפן האלטן דעם סיבה אין זכרון. ס'איז נישט קיין מידת חסידות, אדער א ווארט פון א בעל דרשן, נאר ס'איז די ווערטער פון השי"ת. ס'איז נישט דא נאך אזא טיפע פשט ווי די פשוט'ע ווערטער פונעם אויבערשטן!

ס'איז נישט גענוג אויב איר היט די מצוות פון שבת ווי א ראבאט, נאר איר מוזט צולייגן קאפ און מחשבה. א איד דארף טראכטן. מיט אייער מח קענט איר אום שבת אנקומען צו דעת וואס נאר אידישע קינדער קענען צוקומען צו דעם!

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן
אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**
**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין** און טוהן **חסד**
מיט הונדערטער אידן
ארייינצוברענגען אין זייי **חיות** און **דעת**

**רופט צו מנדב זיין תורת אביגדור**

**845-213-7571**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן

## נדבת השבוע לפ׳ כי תשא

חלק מההפצה נתנדב
לע״נ רבקה פערל ב״ר יוסף שמואל ע״ה

זכות הרבים יעמוד
**להנדבנים החשובים**
להתברך בכל מילי דמיטב

FLYINKOLORS
718.207.7888

# א משל אויף שבירת המידות

## שאלה:

### ווען מען זאגט צוברעכן דיינע מידות וואס איז דער באדייט?

## תשובה:

**צו** צוברעכן מידות מיינט, נישט צו ערלויבן דיין אינערליכקייט אדער דיינע נישט גוטע מידות פון דיין מח דיך צו קאנטראלירן דו מוזט זיך לערנען צו קאנטראלירן דיין אויפפירונג אנשטאט דיינע געוואוינהייטן און מידות וואס הערשן איבער דיר.

**איך** וועל ענק געבן א ביישפיל: דו האסט א תאוה צו רעדן, וואס כמעט יעדער ציט דערצו, אבער זיך דאס נאכגעבן קען אמאל ברענגען שאדן. ערשטנס עס מאכט דיך אויסזען ווי א נאר אין די אויגן פון מענטשן. ווען מענטשן זעען דיך פאר די ערשטע מאל באטראכטן זיי דיך ווי אן אנגעפולטע מענטש מיט חכמה, ביז דו געבסט זיך ארויס מיט רעדן, ווי עס שטייט אין משלי "**פי כסיל מחתה לו**" א מויל פון א נאר איז זיין אייגענע שאנד. ווען א מענטש קומט אן אין א פלאץ און רעדט נאריש בלייבט ער שטענדיג ביי יענעם אין זכרון אלץ אייביגע נאר.

**דערפאר** צוברעך דיין געוואוינהייט פון עפענען דיין מויל צו יעדע צייט. מיר דארפן זיך לערנען ווי אזוי זיך צו האלטן שטיל. אפילו איינער זאגט דיר עפעס, פעלט נישט אויס צוריקצוענטפערן. און אויב עס איז וויכטיג צוריקצוזאגן עפעס, שטייט אין רמב"ם **לא ימהר להשיב ולא ירבה לדבר** - אייל דיך נישט צו ענטפערן און רעד נישט אסאך ווערטער, טראכט פאר דו רעדסט. אויב מען הייבט אן מיט דעם איז מען אויפ'ן וועג צו שבירת המידות, און דו ביסט אויפ'ן וועג צו זיין דיין אייגענע בעל הבית אויף דיר און דיין אויפפירונג און אויף אלעם פון די וועלט.

**שאלות און תשובות**
מיט
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**